# יצחק באַשעוויס זינגער

## די קליינע שוסטערלעך

### א

די משפּחה פֿון די קליינע שוסטערלעך האָט געהאַט אַ נאָמען אין פֿראַמפּאָל און אין דער געגנט אַרום – אין יאַנעוו, אין קרעשעוו, אין בילגאָריי און אַפֿילו אין זאַמאָשץ. דער ערשטער פֿון דער משפּחה, אבא שוסטער איז געקומען קיין פֿראַמפּאָל נאָך די גזרות ת״ח ות״ט און האָט געקויפֿט אַ שטיקל פּלאַץ אויפֿן אָפּגעשטאָכענעם בערגל, הינטער די יאַטקעס. ער האָט דאָרט אויפֿגעבויט אַ הײַזל, וואָס איז געבליבן שטיין דורות. דער שטיינערנער פֿונדאַמענט איז געווען האַלב-אײַנגעזונקען, די קליינע פֿענצטערלעך זענען געשטאַנען קרום ווי אַ שורוק, דער שינדל-דאַך איז געווען גרין פֿון מאָך, באַהאַנגען מיט שוואַלבן-נעסטן. די טיר אַרײַנצוגיין האָט זיך אַראָפּגעזעצט, די בײַשטידלעך האָבן זיך אויסגעבויגן, און אָנשטאָט אַרויפֿצוגיין אַ טרעפּל האָט מען געמוזט אַרונטערגיין אַ שטיגל. זינט יענע אַלטע צײַטן זענען געווען אין פֿראַמפּאָל כמה שׂרפֿות, אָבער די שטוב פֿון די קליינע שוסטערלעך איז געבליבן גאַנץ. די באַלקנס זענען געווען אַזוי דורכגעפֿוילט, אַז ס׳זענען אויף זיי געוואַקסן הינט-שוואָמען. ווען מען האָט געדאַרפֿט האָבן פּראָך צו אַ ברית-מילה, האָט מען אָפּגעבראָכן אַ שטיקל האָלץ פֿון די ווענט, עס צעריבן צווישן די פֿינגער און דאָס בלוט פֿון דעם עופֿעלע איז דערפֿון געשטילט געוואָרן. מחמת דער דאַך איז געווען שלאַבריק האָט דער קוימענקערער נישט געקאָנט אויף אים אַרויפֿקלעטערן און אויסקערן די לופֿט. צוליב דעם פֿלעגט זיך אָפֿט אָנצינדן דער רוס און פֿון קוימען האָבן געשפּריצט פֿונקען. נישט אַנדערש, נאָר זכות אבות איז בײַגעשטאַנען אַז ס׳זאָל אין דעם געבײַ קיין מכשול נישט געשען.

דער נאָמען פֿון אבא שוסטער ווערט דערמאָנט אין דעם פּאַרמעטענעם פּנקס פֿון דער פֿראַמפּאָלער קהילה. ער האָט געהאַט אַ פֿירעכץ יעדעס יאָר צו מאַכן אומזיסט זעקס פּאָר שיך פֿאַר

אַלמנות און יתומים און קהל האָט אים באַלוינט דערמיט וואָס מען האָט אים אין שול אויפֿגערופֿן צום ספֿר מיט דעם טיטל מורנו. זיין מצבֿה אויפֿן אַלטן בית-עולם איז שוין היינט איינגעזונקען, אָבער די שוסטערלעך האָבן געהאַט אַ סימן ווו זי געפֿינט זיך: נעבן איר איז געוואַקסן אַ בוים פֿון האָזענע ניסלעך. אַלטע ווייבער האָבן גערעדט, אַז דער בוים איז אַרויסגעוואַקסן פֿון ר׳ אבאס באָרד.

ר׳אבא האָט געהאַט פֿינף זין, אָבער זיי זענען זיך צעפֿאָרן איבער די נאָענטע שטעטלעך און בלויז איינער איז געבליבן ווינען אין פֿראַמפּאָל: געצל. ער האָט איבערגענומען פֿון זיין פֿאָטער די מצווה צו מאַכן שיך פֿאַר אָרעמע לייט און ער איז אויך געווען אַן עסקן אין דער חברה קדישא. מ׳האָט פֿון פנקס געוווּסט, אז געצלס זון האָט געהייסן גאָדל און גאָדלס זון טרייטל און טרייטלס זון גימפּל. די שוסטערשע ירושה איז איבערגעגאַנגען פֿון דור צו דור. עס איז געווען אַ חזקה אין דער משפּחה, אַז דער בכור זאָל בלייבן ביים הייזל און ביים וואַרשטאַט.

די שוסטערלעך זענען געווען געראָטן איינער אין אַנדערן. זיי זענען אַלע געווען קליינע, געל-האָריקע, גוטע בעל-מלאכהס, ערלעכע לייט. מ׳האָט גערעדט אין פֿראַמפּאָל, אַז ר׳אבא, דער ערשטער פֿון שטאָט, האָט געלערנט שוסטעריי ביי אַ מייסטער אין דער שטאָט בראָד און אַז ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט אַ סגולה ווי אַזוי צו מאַכן די לעדער שטאַרק. אין קעלער איז געשטאַנען אַ פֿאַס, ווו די קליינע שוסטערלעך האָבן געווייקט די יוכטן איידער זיי האָבן געמאַכט פֿון זיי שיך. וואָסערע סמען זיי האָבן אַריינגעטאָן אין דעם ווייק-וואַסער האָבן זיי, פֿאַרשטייט זיך, קיינעם נישט אַנטפּלעקט. דער סוד איז איבערגעגאַנגען פֿון טאַטע צו זון.

נו, קאָנען מיר דאָ נישט אויסרעכענען אַלע דורות קליינע שוסטערלעך. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט די לעצטע דריי. ר׳ ליפּע שוסטער האָט ביז צו די אַלטע יאָרן נישט געהאַט קיין קינדער. מ׳איז שוין זיכער געווען, אַז דער שטאַם וועט איבערגעבראָכן ווערן. אָבער ווען ער איז שוין געווען אין די טיפֿע זעכציקער איז זיין ווייב געשטאָרבן און ס׳האָט מיט אים חתונה געהאַט אַ פֿאַרזעסענע בתולה, אַ מילך-מויד. זי האָט געהאַט מיט אים זעקס קינדער. ר׳ ליפּעס עלטסטער זון, פֿייוול, איז געווען אַ שטיקל נגיד. ער האָט זיך

געמישט אין קהלשע ענינים, איז געקומען אויף אסיפֿות און איז געווען לאַנגע יאָרן גבאי אין שנײַדערישן שולכל. עס איז דאָרט געווען אַ מינהג, אַז יעדן שימחת-תּורה האָט מען אויסגעקליבן אַ גבאי. כּדי אים אָנצוטאָן כּבֿוד, האָט מען אים אָנגעטאָן אויפֿן קאָפּ אַ קירבעס מיט וואַקסענע ליכט, און אַזוי האָט מען אים געפֿירט פֿון שטוב צו שטוב. אומעטום האָט ער געטרונקען ווײַן און פֿאַרביסן מיטן שטרודל, אָדער האָניקלעקעך. עס האָט גראָד פּאַסירט, אַז ר׳ פֿײַוול איז געשטאָרבן שׂימחת תּורה, אויפֿן וועג פֿון איין קידוש צום אַנדערן. ער איז אַוועקגעפֿאַלן אין מיטן מאַרק און מ׳האָט אים נישט געקענט דערמינטערן. מחמת ער איז געווען אַ בעל-צדקה האָט דער רבֿ אים געמאַכט אַ הספּד און געזאָגט: די ליכט, וואָס דער נפֿטר האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ, וועלן אים אַקעגנלײַכטן אויפֿן וועג אין גן-עדן אַרײַן. מ׳האָט געפֿונען אין זײַן קופֿערט אַ צוואה, וווּ ער האָט אָנגעזאָגט, דאָס ווען מ׳וועט אים טראָגן אויף דער מיטה צום בית-עולם, זאָל מען אַרויפֿלייגן אויף דעם שוואַרצן טוך דעם האַמער, די אָל און די קאָפּיטע, אַ סימן, אַז ער האָט געטאָן זײַן האַנטווערק בשלמות און קיינעם נישט אָפּגענאַרט. זײַן ווילן איז געטאָן געוואָרן.

פֿײַוולס עלטסטער זון האָט געהייסן אבא, נאָך דעם ערשטן פֿון די קליינע שוסטערלעך. ער איז געווען, ווי אַלע, אַ קליינער, אַ דיקלעכער, מיט אַ ברייטער געלער באָרד, מיט אַ הויכן שטערן און טיפֿע ווינקלען, ווי ס׳האָבן נאָר רבנים און שוסטערס. די אויגן זײַנע זענען אויך געווען געל. זײַן געשטאַלט האָט דערמאָנט אָן אַ גרויסער אָנגעבלאָזענער הון. נו, איז אָבער דער דאָזיקער אבא געווען אַ קלוגער, אַ גוטער אַרבעטער, אַ בעל-צדקה און אַ וואָרטסמאַן איינער אין פֿראַמפּאָל. ער האָט קיין מאָל נישט צוגעזאָגט, סײַדן ער האָט געוווּסט, אַז ער קאָן האַלטן זײַן צוזאָג. ווען נישט, האָט ער געזאָגט בלי-נדר, אפֿשר, אָדער מירטשעם. דערצו איז ער געווען אַ יודע ספֿר. ער האָט יעדן טאָג געלערנט אַ קאַפּיטל פּסוק אויף עבֿרי-טײַטש און אין דער פֿרײַער צײַט אַרײַנגעקוקט אין מנורת המאור און אין נחלת צבֿי. ער האָט אויך קיין מאָל נישט פֿאַרפֿעלט צו גיין הערן אַ מגיד. ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט די ווינטערדיקע סדרהס. ווען פּעשע האָט אים שבת פֿאָרגעלייענט דאָס טײַטש-חומש און די מעשׂיות פֿון ספֿר הישר, האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט אין דמיון, אַז ער איז נח און זײַנע קינדער זענען שם, חם, יפֿת. ער האָט זיך געזען אין געשטאַלט פֿון אַבֿרהם, יצחק און יעקבֿ. ער האָט נישט איין מאָל געטראַכט, אַז

ווען גאָט רופֿט צו אים און הייסט אים מקריבֿ זײַן פֿאַר אַ קרבן זײַן עלטסטן זון, גימפּל, וואָלט ער זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי און גערן געגאַנגען ווו מ׳וואָלט אים אָנגעוויזן. אַוודאי וואָלט ער איבערגעלאָזט דאָס לאַנד פּוילן, דאָס הויז פֿון זײַן געבורט און געוואַנדערט וווּהין מ׳וואָלט אים געהייסן. אויבוויל ער האָט געקאָנט די מעשׂה פֿון יוסף מיט די ברידער פֿון אויסנווייניק, איז ער קיין מאָל נישט מיד געוואָרן פֿון לייענען זי אויפֿסנײַ. ער האָט מקנא געווען די פֿאַרצײַטישדיקע, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט און געטאָן מיט זיי נסים. ווען ער פֿלעגט טראַכטן, אַז פֿון אים, אבאן, ביז די אבֿות, ציט זיך איין קייט פֿון דורות, האָט אים דאָס גרײַלעך הנאה געטאָן. עס איז געווען ווי ער, אבא, וואָלט אויך געווען אַ טייל פֿון חומש. ער איז אַרויסגעקומען פֿון יעקבֿס דיך. ער און זײַנע קינדער זענען געווען די זוימען, וואָס זייער צאָל איז געוואָרן אַזוי ווי דאָס זאַמד פֿון ים און ווי די שטערן פֿון הימל, דאָס איז ער, אבא, געווען אין גלות דערפֿאַר ווײַל די ייִדן אין ארץ־ישׂראל האָבן געזינדיקט, און ער איז אָנגעברייט געווען אויסגעלייזט צו ווערן ווען די צײַט וועט קומען.

אַ שוסטער איז ער געווען איינער אין פֿראַמפּאָל. ס׳האָט קיין מאָל נישט געטראָפֿן, אַז זײַנס אַ שטיוול זאָל קוועטשן אָדער זײַן צו־לויז. די יעניקע, וואָס האָבן געליטן פֿון ווינטער־בײַלן, הינערויגן אָדער קראַמף־אָדערן, זענען גענעזן געוואָרן ווען זיי האָבן געטראָגן זײַנע שיך. ער האָט פֿײַנט־געהאַט די נײַ־מאָדישע גענג, די כראָמענע און געמזענע לעטשלעך און פּאַנטאָפֿעלעך, מיט די הויכע קנאַפֿלעך און פֿאַלש־גענייטע זוילן, וואָס זענען צערונען געוואָרן בײַ דער ערשטער בלאָטע. זײַנע קונדן זענען געווען יוסטע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס, ווי אויך פּויערים פֿון די דערפֿער אַרום. אַ מאָס האָט ער גענומען מיט אַ שטריקל פֿול מיט קניפּן, אויפֿן פֿאַרצײַטיקן שטייגער. ס׳רוב פֿראַמפּאָלער ווײַבער האָבן שוין אָנגעטאָן שייטלען, אָבער זײַן ווײַב פּעשע האָט געטראָגן אַ קאָפּקע. זי האָט אים געבוירן זיבן ייִנגעלעך און ער האָט זיי אַ נאָמען געטאָן נאָך זײַנע זיידעס, די קליינע שוסטערלעך – גימפּל, געצל, טרייטל, גאָדל, פֿײַוול, ליפּע, און חנינא. זיי זענען אַלע געווען געראָטן אין טאַטן – קליינע און געלע. אבא האָט פֿאָרויסגעזאָגט, אַז ער וועט אַלע זײַנע זין מאַכן פֿאַר שוסטערס. ער האָט זיי פֿרי אָנגעהויבן צולאָזן צום וואַרשטאַט און זיי געלערנט דעם אַלטן כּלל: אַז אַ גוט שטיקל אַרבעט איז קיין מאָל

נישט אַרויסגעוואָרפֿן – ס׳זוכט זיך אָפּ, ס׳רופֿט זיך אָפּ, מ׳האָט דערויף קיין מאָל נישט קיין חרטה.

ער איז געזעסן זעכצן שעה אַ טאָג אויף דער שוסטער-בענקעלע, מיט אַ זאַק אויף די קני, געבויערט מיט דער אָל, געצויגן מיט דער דראַטווע, געשאָבן מיט אַ שטיקל גלאָז, געפּאַרבט, פּאָלירט, גלאַזירט און אונטערגעזונגען ימים-נוראימדיקע ניגונימלעך: יראתי בפּצותי, ונסלח, זכרנו לחיים, וכל מאמינים. די קאַץ איז ס׳רוב געזעסן דערנעבן און ווי געוואַכט איבער אים. איר מאַמע און באָבע האָבן נאָך געכאַפּט מײַז בײַ די קליינע שוסטערלעך. אַקעגן וואַרשטאַט איז געווען אַ פֿענצטערל. מחמת דאָס הײַזל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל, האָט מען פֿון דאַנען געקאָנט זען דאָס גאַנצע שטעטל און אַפֿילו אַ גרויסן שטח הינטער דער שטאָט, ביז צום בילגאָרייער וועג און צום סאָסן-וואַלד. אבא האָט געזען די בינטלעך ווײַבער, וואָס זענען געשטאַנען יעדן פֿרימאָרגן אַרום די יאַטקע-קלעצער, און די בחורים און בטלנים, וואָס זענען אַרײַן און אַרויס פֿון שול-הויף; די מוידן, וואָס זענען געגאַנגען שעפּן טיי-וואַסער צום פּלומפּ, און די ווײַבלעך, וואָס האָבן בין-השמשות געאײַלט דורכן געסעלע, וואָס האָט געפֿירט צו דער מקוה, פֿאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז דאָס שטיבל געוואָרן פֿול מיט דעמערנדיקער שײַן. פּאַסן ליכט האָבן געטאַנצט אין די ווינקלען, געציטערט אויפֿן באַלקן, געגליט אין אבאס באָרד, וואָס האָט באַקומען אַ קאָליר פֿון גינגאָלד. פּעשע, אבאס ווײַב, האָט אין קיך געקאָכט קאַשע מיט יויך. די קינדער האָבן זיך געשפּילט, שכנישע ווײַבער און מוידן זענען אַרײַנגעקומען כאַפּן אַ מאָטל. אבא איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דער אַרבעט, געוואַשן די הענט, אָנגעטאָן אַ קאַפּאָטע און אַוועק אין שנײַדערישן שולכל דאַוונען מנחה-מעריבֿ. ער האָט געוווּסט, אַז ס׳זענען פֿאַראַן ווײַטע שטעט און לענדער און אַז פֿראַמפּאָל איז נישט מער ווי אַ טל-ומטר אין אַ קליין סידורל, אָבער ער האָט ממש געשפּירט, אַז זײַן שטעטל איז דער נאָפּל פֿון דער וועלט און אַז זײַן הײַזל איז אויפֿן סאַמע שפּיץ. ער האָט נישט איין מאָל געטראַכט, אַז ווען משיח וועט קומען און אַלע ייִדן מיט זייערע ישובֿים וועלן אויפֿגיין קיין ארץ-ישׂראל, וועט ער ווײַטער בלײַבן ווינען אין פֿראַמפּאָל, אין אייגענעם הײַזל, אויפֿן אייגענעם בערגל. נישט מער, אויף שבת און יום-טובֿ וועט ער אײַנזיצן אין אַ וואָלקן און אַוועקפֿליִען קיין ירושלים . . .

# ב
# אבא און זײַנע זיבן זין

מחמת גימפּל איז געווען דער בכור און ער האָט געזאָלט בלײַבן בײַם הײַזל און בײַ די קונדן, האָט אבא אַכטונג געטאָן אויף אים מער ווי אויף די אַנדערע קינדער. ער האָט אים געשיקט צו די בעסטע מלמדים און אים געהאַלטן אַ לערערל, וואָס האָט אים געלערנט שרײַבן אַ שורה-גריזל אויף ייִדיש און אויך אַ ביסל רוסיש, פּויליש און רעכנען. ער האָט אים אַראָפּגענומען אין קעלער און אים געוויזן וואָסערע קאָרעס און קאַלכן אַרײַנצוטאָן אין דעם וואַסער, ווי ס׳האָט געווייקט די לעדער. ער האָט אים איבערגעגעבן, אַז בײַ די מערסטע מענטשן איז דער רעכטער פֿוס אַ ביסל גרעסער ווי דער לינקער און אַז אַלע דריקענישן נעמען זיך פֿון די גראָבע פֿינגער. ער האָט אים געגעבן אַלערליי כּללים ווי אַזוי אויסצומאַרקירן זוילן און בראַנדזוילן, ברייטע נעז און שפּיציקע, נידעריקע קנאַפּלען און הויכע; ווי צו מאַכן נײַע שטיוול און אַן אינטערנײַ, ווי צוצופּאַסן שיך פֿאַר פּלאַטפֿיס און פֿאַר די יעניקע, וואָס האָבן גולעס, באַבע-נעגל און וואָרצלען. מחמת פֿרײַטיק איז אַלע מאָל פֿאַראַן אַ סך אַרבעט אויסצוענדיקן, פֿלעגן די עלטערע ייִנגלעך בלײַבן אין חדר בלויז ביז צען אַ זייגער און דערנאָך אַרויסהעלפֿן דעם טאַטן בײַם וואַרשטאַט. פּעשע האָט דערווײַל געבאַקן חלה און צוגעגרייט פֿאַר די מאַנסלײַט וואַרעמעס. זי פֿלעגט אַ כאַפּ טאָן מיט פֿאַרבריטע הענט דעם ערשט-אָפּגעבאַקענעם קוילעטש, אים אַרײַנגעטראָגן אבאן, ווײַזן אים פֿון פֿאָרנט, פֿון הינטן, אונטערטענצלען און בלאָזן אויף אים, ביז אבא האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז די חלה איז געראָטן. באַלד איז זי אַרײַנגעקומען און אים געגעבן צו פֿאַרזוכן אויפֿן שפּיץ-לעפֿל אַ קאַפּ פֿיש-יויך. אָדער גאָר אַ ברעקל פֿון קוכן. פּעשע האָט געהאַלטן פֿון אבאס מבֿינות. ווען זי איז געגאַנגען קויפֿן סחורה פֿאַר זיך אָדער פֿאַר די קינדער, האָט זי אים געבראַכט פּרוּוולעך און דאָס, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, דאָס האָט זי גענומען. איידער זי איז געגאַנגען אין יאַטקע אַרײַן, האָט זי אים געפֿרעגט וואָס זי זאָל קויפֿן – ברוסט, בראָטן, שפּאָנדרע, דרויב, און וואָס ער האָט געזאָגט דאָס האָט זי געקויפֿט. געטאָן האָט זי דאָס אַלץ נישט מחמת מורא, נאָר ווײַל זי האָט אַליין אײַנגעזען, אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט. אפֿילו ווען ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער גרײַזט, האָט זי שפּעטער

געפֿונען, אַז ער איז געווען גערעכט. דערצו האָט ער איר קיין מאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט. ס׳איז גענוג געווען ער זאָל טאָן אויף איר אַ קרומען קוק זי זאָל וויסן, אַז זי האָט זיך באַנאַרישט. אַזוי האָט ער זיך געפֿירט מיט די קינדער. אויף דער וואַנט האָט געהאַנגען אַ האָזן-פֿיסל מיט אַ רימען, אָבער ער האָט זיך זעלטן באַנוצט דערמיט. ער האָט אַלץ געפּועלט מיט גוטן. אפֿילו פֿרעמדע האָבן פֿאַר אים דרך-ארץ געהאַט. די לעדער-קרעמער האָבן אים פֿאַרקויפֿט לעדער און צודאַטן אויף נאמנות, אָן דינגענישן און שווערענישן. די, וואָס האָבן געמאַכט בײַ אים באַשטעלונגען, האָבן געוווּסט, אַז ער איז נישט קיין ביטער. וויפֿל ער האָט פֿאַרלאַנגט, האָט מען אים באַצאָלט. אין שנײַדערישן שולכל האָט מען אים אויפֿגערופֿן צו שלישי, וואָס איז אַ בכּבֿודיקע עליה. ווען ער האָט מנדר געווען געלט, אָדער עפּעס מנדבֿ געווען פֿאַר דער שול, האָט מען נישט געדאַרפֿט שיקן אים מאָנען. ער האָט באַלד נאָך שבת אָפּגעגעבן. די שטאָטלײַט האָבן זיך דערקענט אויף די אַלע מעלות און כאָטש ער איז געווען אַ פּשוט שוסטערל, אַ האַלבער עם-הארץ, איז מען זיך באַגאַנגען מיט אים ווי מיט אַן אדם חשובֿ.

ווען גימפּל איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר, האָט אבא אים אָנגעטאָן אַ זאַק אויף די לענדן און אים אַוועקגעזעצט אויפֿן שוסטער-בענקעלע. נאָך גימפּלען זענען געוואָרן געזעלן בײַם טאַטן געצל, טרייטל, גאָדל און פֿײַוול. כאָטש זיי זענען געווען זײַנע זין און געהאַט בײַ אים דאָס אויסקומעניש, האָט ער יעדן געצאָלט זײַן לוין. ווען די מעשה הייבט זיך אָן, זענען די צוויי ייִנגסטע, ליפּע און חנינא, נאָך געגאַנגען צום דרדקי-מלמד, אָבער זיי האָבן באַצײַטנס געוווּסט ווי מ׳האַקט אַרײַן אַ פֿלעקל און מ׳שאָבט-אָפּ אַן אָפּזאַץ. אבא און פעשע האָבן געהאַט נחת פֿון זייער בלוט-און-פֿלייש. נײַן  אַ זייגער זענען זעקס מאַנסלײַט אַרײַנגעקומען אין

קיך עסן אָנבײַסן. צוועלף מײַלער האָבן געזופּט די אָנגעברענטע גריץ און געקײַעט דאָס קאָרענע ברויט. אבא האָט ליב געהאַט אַרויפֿצוזעצן די ייִנגסטע קינדער איינעם אויף איין קני, דעם אַנדערן אויף דער צווייטער און צו זינגען זיי אַן אַלט פֿראַמפּאָלער ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן :

אַמאָל איז געווען אַ מאַמעלע,
האָט זי געהאַט צען קינדערלעך,
אוי, געוואַלד, צען קינדערלעך...
דאָס ערשטע ט׳געהייסן אבֿרהמעלע,
ס׳אַנדערע ט׳געהייסן בערעלע,
ס׳דריטע ט׳געהייסן גימפּעלע,
ס׳פֿערטע ט׳געהייסן דודל,
ס׳פֿינפֿטע ט׳געהייסן הערשעלע.

און די ייִנגלעך האָבן געענטפֿערט אַלע מיט איין קול:

אוי, געוואַלד הערשעלע!. . .

מחמת ער האָט שוין איצט געהאַט אייגענע געזעלן, האָט ער געקאָנט אַרויסגעבן מער אַרבעט און די פֿאַרדינסטן זענען געוואָרן גרעסער. אַזוי ווי אין פֿראַמפּאָל איז אַלץ געווען וואָלוול און דערצו פֿלעגן נאָך פּויערים פֿון מאָל צו מאָל ברענגען דעם שוסטער אַ מתּנה – אַ מעסטל קאָרן, אַ קנויל פּוטער, אַ פֿערטל קאַרטאָפֿל, אַ טאָפּ האָניג, אַ הון, אַ גענדזל – האָט אבא געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ ביסל געלט. נו, האָט פּעשע אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אַז מ׳זאָל איבערבויען דאָס הײַזל. די שטיבלעך זענען געווען שמאָל און נידעריק. ווען מ׳איז געגאַנגען, האָט דער דיל זיך געשאָקלט. דער טינק אויף די ווענט האָט זיך געשיילט. אין האָלץ האָבן זיך געהאַלטן אַלערליי ווערעם און מולן. מ׳האָט שטענדיק געלעבט אין מורא ס׳זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן דער בעליק. כאָטש ס׳איז אין שטוב אַלע מאָל געווען אַ קאַך, האָבן זיך אין די לעכער געהאַלטן עכברים. פּעשע האָט דעריבער פֿאַרלאַנגט מ׳זאָל אײַנוואַרפֿן די חורבֿה און אויפֿשטעלן אַ גערוים הויז.

אבא האָט נישט באַלד געזאָגט ניין. ער האָט געענטפֿערט דער ווײַב, אַז ער וועט זיך איבערלייגן און איר געבן תּשובֿה. אָבער נאָך לאַנגע טראַכטעניש און קווענקלעניש, האָט ער איר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט מורא געהאַט אײַנצוּוואַרפֿן דאָס הײַזל. ער האָט געהאַלטן, אַז עס ברענגט מיט זיך מזל-ברכה. צווייטנס, האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר אַן עין-הרע, וואָרעם מענטשן זענען בטבֿע נישט-פֿאַרגינער. דריטנס, האָט ער זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דער שטוב, ווו עס

האָבן געלעבט און ס׳זענען געשטאָרבן זײַנע עלטערן און אור־עלטערן, ביז וויפֿל דורות. ער האָט דאָ געקענט יעדעס ווינקעלע, יעדן שפּאַלט, יעדן קנייטש און ראַנד. ווען די פֿאַרב פֿון דער וואַנט איז אָפּגעשפּרונגען, האָט אַרופּגעקוקט פֿון הינטער איר אַן אַנדער געמעל, און ווען מ׳האָט דאָס אויך אַ קראַץ געטאָן האָט זיך אויסגעשיילט ווידער אַן אַנדער קאָליר. די ווענט זענען געווען ווי אַ געדענק־בוך, וווּ עס זענען פֿאַרשריבן מיט אַ פֿאַרהוילן כּתבֿ די פֿאַרלויפֿענישן פֿון דער משפּחה. אויפֿן בוידעם זענען געלעגן חפֿצים פֿון אַ פּאָר הונדערט יאָר׃ טישן און שטולן, שוסטער־בענקעלעך און קאָפּיטעס, שלייף־שטיינער און מעסערס, אַלטע מלבושים, שטאַמפּן, טעפּ, מולטערס, זאַלץ־ברעטלעך, צעלעכצטע טינדעלעך, וויגן, שטיי־בענקעלעך. עס זענען דאָרט אויך געשטאַנען זעק מיט צעשאָטענע ספֿרים און שמות. צו מאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג האָט אבא ליב געהאַט אַרויפֿצוקלעטערן אויף דער לייטער אין פֿאָדער־הויז, און אַרויפֿצוקוקן אויפֿן בוידעם. שפּינען האָבן דאָ געשפּינט גרויסע געוועבעכצער. דאָס ליכט, וואָס איז אַרײַנגעקומען דורך די שפּאַלטן, האָט זיך אין זיי אָפּגעשלאָגן מיט די קאָלירן פֿון רעגנבויגן. אַ גערדיכטער שטויב איז געלעגן איבער אַלץ. ווען אבא האָט זיך אײַנגעהערט, האָט ער פֿאַרנומען אַ שאָרכעניש, אַ שורשן, אַ קראַצן, שטילע הויכן, ווי נישט־געזעענע וואָלטן דאָ זיך געפּאָרעט אַן אייביק פּאָרעניש און זיך דורכגערעדט אויף אַ לשון נישט פֿון דער־וועלט. ער איז זיכער געווען, אַז די נשמות פֿון זײַנע זיידעס און באָבעס קומען אַהער און וואַכן איבער זײַן דירה. גלײַך אַזוי האָט ער ליב געהאַט דאָס הייפֿל אַרום דעם הויז. דאָס אומקרויט וואָס איז דאָ געוואַקסן, איז געווען די הויך פֿון אַ מענטש. עס האָבן זיך דאָ געפֿלאָכטן געוויקסן, וואָס זייערע בלעטער און צווײַגלעך זענען געווען האָריק און שטעכיק און ווען מ׳איז פֿאַרבײַ נעבן זיי, האָבן זיי אָנגעכאַפּט די פּאָלעס ווי מיט ציין און נעגל. עס זענען אומעטום אומגעקראָכן אַלערליי פֿליגעלעך, ווערעמלעך, שלענגלעך, מוראַשקעס. מויליוואָרפֿן האָבן דאָ אָנגעגראָבן בערגלעך. פֿעלדמײַז האָבן געהאַט זייערע לעכער. עס איז דאָ געשטאַנען אַ באַרנבוים, וואָס סוכּות צײַט זענען אויף אים צײַטיק געוואָרן קליינע באַרלעך, האַרטע ווי שטיינער, מיט אַ טעם פֿון האָלץ. נאָך יעדן רעגן האָבן אַרויסגעשאָסן פֿון דער ערד ווילדע שוואָמען. איבער דער געדיכטעניש זענען אַרומגעפֿלויגן זומער־פֿייגעלעך, פֿוטער־בינען, גרויסע פֿליגן מיט גאָלדענע בײַכער. קיינער האָט דאָ נישט געאַקערט און געזייט, אָבער אַ פֿאַרבאָרגענע

האַנט האָט געטאָן ווונדער. ווען אבא איז דאָ געשטאַנען זומער און אַרויפֿגעקוקט צום הימל, ווו עס האָבן אַרומגעשוועבט וואָלקנס אין געשטאַלט פֿון זעגל-שיפֿן, סטאַדעס שאָף, בעזעמס, עלעפֿאַנטן, ווייזלטירן, האָט ער געשפּירט בחוש, אַז גאָט רוט איבער אים אַ פֿאָרזיכטיקער און אַ באַרמהאַרציקער. ער האָט ממש געזען ווי דער אַלמעכטיקער זיצט אויפֿן כּסא הכּבֿוד און די ערד איז זײַן פֿיסנבענקעלע. דער שטן איז מקטרג. מלאכים זינגען שירה. דער ספֿר-זכּרון ליגט גרייט און ס׳זענען אין אים פֿאַרשריבן אַלע מענטשלעכע מעשים. צו מאָל בײַ זון-זעצונג האָט אבא באַשײַמפּערלעך דערזען דעם נהר דינור. פֿײַערן האָבן זיך געהויבן פֿון קופּעס גליִענדיקע קוילן. שוועבלדיקע פֿלאַמען האָבן זיך אַריבערגעגאָסן איבער זײַנע ברעגן. ווען ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט די פֿאַרטויבענע געשרייען פֿון די זינדיקע און די שפּאָט-רייד פֿון די מלאכי חבֿלה.

ניין, ער האָט נישט געוואָלט קיין שום פֿאַרענדערונג, אבא שוסטער. ער האָט געוואָלט אַלץ זאָל בלײַבן ווי געווען: ביז ער וועט אויסלעבן די יאָרן, וואָס זענען אים באַשערט, און באַגרובן ווערן אויפֿן בית-עולם, ווו עס רוען זײַנע זיידעס, די קליינע שוסטערלעך, וואָס האָבן באַשיכט די הייליקע עדה און וואָס זייער גוטן נאָמען האָט מען געדענקט סײַ אין פֿראַמפּאָל און סײַ אין דער געגנט אַרום.

## ג
# גימפּל פֿאָרט קיין אַמעריקע

נו, איז אָבער פֿאַראַן אַ ווערטל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

אין איינעם אַ טאָג ווען אבא איז געזעסן און געשטעפּט אַ קאַמאַש (ער איז געווען אַ קאַמאַשן-מאַכער אויך) איז אַרײַנגעקומען פֿון דרויסן זײַן עלצטער זון גימפּל. זײַן באַשפּענקלט פּנים איז געווען דערהיצט. די געלע האָר אונטער דער יאַרמלקע זענען געווען צעשויבערט. אַנשטאָט זיך אַוועקצוזעצן אויפֿן שוסטער-בענקעלע און זיך נעמען צו זײַנע שטיוול, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער זײַט פֿון פֿאָטער, אים אָנגעקוקט אַ קווענקלדיקער און זיך אָנגערופֿן:

– טאַטע, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן.

– נו, אַז דו ווילסט, זאָג – האָט אבא געענטפֿערט

– טאַטע, כ׳פֿאָר קיין אַמעריקע! – האָט דער יונג אויסגעשאָסן.

אבא האָט אויפֿגעהערט צו שטעפּן. וואָס-וואָס, נאָר אויף אַזוינע דבורים האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען און אים אָנגעקוקט אַ פֿאַרחידושטער.

– וואָס איז געשען? – האָט ער געפֿרעגט. – האָסט עמיצן באַגנבֿעט, אָדער אָנגעזעצט?

– ניין, טאַטע.

– וואָס זשע ווילסטו אַנטלויפֿן?

– ס׳איז דאָ אין פֿראַמפּאָל נישט קיין תּכלית.

– פֿאַר וואָס איז נישט קיין תּכלית? קאָנסט אַ מלאכה און וועסט אם-ירצה-השם חתונה האָבן. ס׳איז אַלץ דײַנס.

– ס׳איז מיר נמאס געוואָרן ס׳קליינע שטעטל – האָט דער יונג געזאָגט – און די מענטשן אויך. ס׳איז דאָ אַ זומפּ, אַ געמויזעכץ.

– אַז מ׳עט אויסברוקירן וועט ניט זײַן קיין זומפּ.

– ניין, טאַטע, כ׳מיין נישט דאָס.

– כ׳ווייס נישט וואָס דו ווילסט! – האָט אבא זיך אַ ייזער געטאָן. – רעד קלאָרע ווערטער!

דער יונג האָט גענומען רעדן, נאָר אבא האָט אים רעכט נישט פֿאַרשטאַנען. ס׳איז געווען ווי אַ דיבוק וואָלט אין אים אַרײַן. ער האָט אויסגערעדט אויפֿן רב און, להבֿדיל, אויפֿן קייסער. ער האָט פֿאָרגעהאַלטן פֿאַר וואָס די מלמדים שלאָגן די דרדקי-קינדער, די ווײַבער גיסן די פּאָמאַשעפֿער פֿאַר די טירן, די קרעמערס דרייען זיך אַרום ליידיק, הלמאי ס׳איז נישטאָ אין די הײַזער קיין אָפּטריטן.

נאָר די שטאָט-לײַט גייען אַלע אין בית-הכּסא הינטערן באָד, אָדער טוען זייער באַדערפֿעניש פֿאַר די הײַזער און דערפֿון קומט צו אַלערליי אונטערגענג. ער האָט חוזק געמאַכט פֿון עזריאל דעם רופֿא און פֿון משה מעכעלעס דעם שדכן. ער האָט נישט געשוינט דעם דיין און דעם בעדער, די טיקערין און דעם הקדש-מאַן, די פּרנסים און די חבֿרה-קדישא. אין אָנהייב האָט אבא געמיינט, אַז נישט אַנדערש נאָר דער יונג איז פֿון זינען אַראָפּ. אָבער וואָס לענגער ער האָט געדברט, אַלץ קלערער איז אבאן געוואָרן, אַז זײַן זון איז אַראָפּ פֿון רעכט-פֿאַרטיקן וועג און געוואָרן אַן אפּיקורס. נישט ווײַט פֿון פֿראַמפּאָל, אין שעברעשין, האָט אַ מאָל זיך אויפֿגעהאַלטן דער כּופֿר יעקבֿ רײַפֿמאַן. זײַנס אַ תּלמיד, אַ פּושע ישׂראל פֿון זאַמאָשץ, פֿלעגט אַ מאָל קומען קיין פֿראַמפּאָל צו אַ מומען און די ווילע יונגען האָבן זיך מיט אים אַרומגעפֿירט. נו, איז אָבער אבאן קיין מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז זײַן גימפּל איז איינער פֿון דער חבֿרה.

– וואָס זאָגט דער טאַטע? – האָט גימפּל געפֿרעגט.

אבא האָט איבערגעטראַכט. ער האָט געוווּסט, אַז מיט וויכּוחים קען מען אַזעלכע לײַט נישט איבעררעדן. ער האָט אויך געדענקט דאָס ווערטל, אַז פֿון איין קרעציקער שאָף ווערט קרעציק די גאַנצע סטאַדע. ער האָט דעריבער געענטפֿערט:

– נו, מילא, אַז דו ווילסט פֿאָרן, פֿאָר. איכ׳ל דיך נישט צוהאַלטן.

און ער האָט זיך ווײַטער גענומען קלאַפּן פֿלעקלעך.

פּעשע, די מאַמע, האָט זיך אַזוי גיך נישט אונטערגעגעבן. זי האָט זיך געבעטן בײַ איר זון, ער זאָל נישט אַוועקפֿאָרן אויף טויזנטער מײַל, געוויינט, אים באַשווירן ער זאָל נישט פֿאַרשעמען די משפּחה. זי איז אַפֿילו געלאָפֿן אויף קבֿר-אָבֿות בעטן די מתים זיי זאָלן מליץ יושר זײַן. אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אבא איז גערעכט: מ׳קאָן מיט כּוח קיינעם נישט צוהאַלטן. גימפּלס פּנים איז געוואָרן האַרט ווי לעדער. אַ בייז פֿײַערל האָט זיך אָנגעצונדען אין זײַנע געלע אויגן און ער איז גלײַך געוואָרן ווי אַ פֿרעמדער אין שטוב. די נאַכט האָט ער גענעכטיקט נישט אין דער היים, נאָר בײַ אַ חזיר-האָר-קעמער אויפֿן זאַמד. אין דער פֿרי האָט ער אײַנגעפּאַקט אין אַ קויבער די תּפֿילין, אַ פּאָר העמדער, אַ לײַב-סערדאַק, אַ מענדל האַרטע אייער

און ער איז שוין געווען גרייט צו דער נסיעה. אויף הוצאות האָט ער געהאַט אָנגעזאַמלט פֿריער. ווען די מאַמע האָט געזען, אַז דער גזר-דין איז געחתמעט, האָט זי אים געפּרוּווט מיטגעבן אַ סלוי אײַנגעמאַכץ, אַ פֿלאַש ווײַנשל-זאַפּט, ווי אויך אַן איבערדעק, אַן אונטערדעק, קישנס, – נאָר גימפּל האָט נישט געוואָלט נעמען. ער האָט געזאָלט שוואַרצן די דײַטשע גרענעץ און מיט קיין פּעק וואָלטן אים די מוליכער נישט גענומען. בקיצור, ער האָט געקושט די מאַמען, זיך געזעגנט מיט די ברידער, די חבֿרים, און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. מחמת אבא האָט נישט געוואָלט ער זאָל אַוועק אַ ברוגזער, האָט ער אים באַגלייט מיט דער בויד קיין רייוועץ, צום וואָקזאַל. די באַן איז אָנגעקומען אין מיטן דער נאַכט, מיט אַ געפּײַף און צישעניש, מיט אַ געקלאַפּ און האַרמידער. די דרײַ לאָמפּן פֿון לאָקאָמאָטיוו האָבן אבאן דערמאָנט אין אויגן פֿון אַ שד, אַן אומגעהויער. פֿון איין קוימען האָט געזעצט מיט זיילן רויך און פֿונקען, דער אַנדערער האָט געשריבן מיט וואָלקנס פּאַרע. פֿון דעם בלענדיקן ליכט איז די פֿינצטערניש געוואָרן געדיכטער. גימפּל האָט גענומען לויפֿן מיט זײַן געפּעק אַהין און צוריק, ווי דול. אבא איז אים נאָכגעלאָפֿן. דער יונג האָט צום סוף אַ קוש געטאָן דעם פֿאָטער אין דער האַנט און אבא האָט אים נאָכגעשריגן און חשכות אַרײַן:

– זײַ מצליח! פֿאַרגעס ניש' ס'ייִדישקייט!...

באַלד דערנאָך איז די מאַכינע אַוועק און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טשאַד פֿון קוילן און אַ קלינגערניש אין די אויערן. די ערד האָט נאָך לאַנג געציטערט אונטער אבאס פֿיס. ס'איז געווען ווי דער יונג וואָלט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון רוחות רעות. ווען אבא האָט זיך אומגעקערט אַהיים און פּעשע האָט אים באַגעגנט מיט אַ געוויין, האָט ער איר אַ זאָג געטאָן:

– גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען. עלעהיי ר'וואָלט געשטאָרבן...

חדשים לאַנג איז פֿון גימפּלען נישט אָנגעקומען קיין תּמונת אות. אבא האָט געוווּסט, אַז ס'רוב יונגען, וואָס פֿאָרן אַוועק אין די ווײַטע מדינות, פֿאַרגעסן זייערע נאָענטע, ווי דאָס ווערטל זאָגט: אויסן אויג אויסן האַרץ, און ער האָט זיך שוין מיאש געווען צו הערן פֿון אים. נו,

איז אָבער אין איינעם אַ טאָג אָנגעקומען אַ לאַנגער בריוו פֿון אַמעריקע. אבא האָט דערקענט זײַן זונס האַנטשריפֿט. ער האָט געשריבן, אַז ער איז אַריבער די גרענעץ בשלום, איז געווען אין אַ סך אויסלענדישע שטעט און דערנאָך געפֿאָרן מיט אַ שיף פֿיר וואָכן. קיין טרפֿות האָט ער נישט געוואָלט עסן און ער איז אָפּגעקומען מיט קאַרטאָפֿל אין די שאָלן און מיט ראָסל פֿון הערינג. דער ים איז זייער טיף, די וועלן הויבן זיך ביז צום הימל. ער האָט געזען פֿיש וואָס פֿליִען, אָבער נישט די וואַסער-מענטשן, וואָס זענען האַלב-פֿיש האַלב-מענטש, און ער האָט אויך נישט געהערט זייער געזאַנגען. ניו-יאָרק איז אַ גרויסע שטאָט מיט הײַזער הויך ביז צו די וואָלקנס. באַנען לויפֿן איבער די דעכער. די גויִים רעדן ענגליש. מ׳גייט נישט מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר גלײַך. ער האָט זיך געטראָפֿן מיט אַ סך לאַנדסלײַט און אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין קורצע מלבושים. ער אַליין האָט זיך שוין אויך אָנגעטאָן דאַטש. די מלאכה וואָס ער האָט געלערנט, איז אים גרײַלעך צו ניץ געקומען. ער איז אָל-רײַט. ער מאַכט אַ לעבן. אין גיכן וועט ער שיקן אַ לאַנגן לעטער. ער קושט דעם טאַטן, די מאַמען, די ברידער, און גריסט אַלע באַקאַנטע - גאָר פֿרײַנטלעך.

אין צווייטן בריוו האָט גימפּל צו וויסן געטאָן, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ מיידל און איר געקויפֿט אַ דײַמאָנד-רינג. געהייסן האָט זי בעסי און געשטאַמט האָט זי פֿון רומעניע. אַרבעטן אַרבעט זי בײַ דרעסעס. אבא האָט אָנגעטאָן די מעשענע שפּאַקולן און זיך לאַנג געגריבלט איבער דעם שרײַבעכץ. עס איז אים געווען אַ חידוש, וואָס דער יונג האָט זיך באַצײַטנס אויסגעלערנט אַרײַנצומישן אַזוי פֿיל ענגלישע ווערטער. אין דריטן בריוו איז געשטאַנען, אַז ער האָט מיט מזל חתונה געהאַט און אַז אַ רעוורענד האָט מסדר קידושין געווען. ער האָט געשיקט אַ פּאָרטרעטל פֿון זיך און זײַן ווײַב. אבא האָט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. זײַן זון איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּריצישן קאַפּטאַן און אין אַ הויכן הוט, ווי אַ גלח. די כּלה האָט אויסגעזען ווי אַ פּריצהלע, אין אַ ווײַס קלייד מיט אַ שלעפּ, מיט שלײַער איבערן קאָפּ, מיט אַ בינטל בלומען אין דער האַנט. פּעשע האָט זיך צעכליפּעט ווען זי האָט א קוק געטאָן אויף דעם בילד. די ברידער זענען געבליבן שטיין מיט אָפֿענע מײַלער. שכנים און גלאַט היימישע זענען זיך אָנגעקומען פֿון גאַנץ שטעטל און אַלע האָבן געגלאָצט און געגאַפֿט. ס׳איז געווען ווי גימפּל וואָלט דורך אַ כּישוף

פֿאַרפֿלויגן אין אַ גאָלדענער מדינה און דאָרט גענומען אַ פּאַנעלע, אָדער אַ בת-מלכה, ווי ס'ווערט באַשריבן אין די מעשה-ביכלעך, וואָס פּאַקנטרעגערס ברענגען צו מאָל אין זייערע זעק.

צו מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ: גימפּל האָט אַראָפּגענומען געצלען און געצל - טרייטלען, און טרייטל - גאָדלען, און גאָדל - פֿײַוולען, און דערנאָך האָבן אַלע פֿינף אַראָפּגעבראַכט די ייִנגסטע, ליפּען און חנינאַן. פּעשע האָט טאָג און נאַכט אויסגעקוקט דעם בריוונטרעגער. זי האָט געלאָזט אָנקלאַפּן אויפֿן בײַשטידל אַקעגן דער מזוזה אַ פּושקעלע פֿון ר'מאַיִר בעל הנס, און יעדעס מאָל וואָס ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו, האָט זי אַרײַנגעוואָרפֿן אַ גראָשן אין שפּעלטל. אבא האָט איצט געאַרבעט איינער אַליין. ער האָט אויך מער נישט געברויכט קיין געזעלן, וואָרעם ער איז געווען אַ קנאַפּער בעל הוצאה. אין אמתן האָט ער מער נישט געדאַרפֿט אָנקומען צו זײַן מלאכה. די זין האָבן אין גיכן אָנגעהויבן שיקן געלט פֿון אַמעריקע. פֿונדעסטוועגן איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג, ווען אין דרויסן איז נאָך בלוי, און געבליבן זיצן בײַם וואַרשטאַט ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס העמערל האָט געקלאַפּט, די גריל הינטערן פּיִעקעליק האָט געגריצלט, ס'מײַזל אין לאָך האָט געקראַצט, די שינדלען אין דאַך האָבן געשאָרכט, און אין אבאס מוח האָבן אַרומגעזשימעט די רעיִונות. דורות לאַנג האָבן אין פֿראַמפּאָל געלעבט די קליינע שוסטערלעך. מיט אַמאָל זענען די לעצטע פֿייגל זיך צעפֿלויגן פֿון דער נעסט. איז עס אַ שטראָף? איז עס אַ גזרה? איז דאָ אין דעם אַ טעם? אבא האָט אויסגעבויערט אַ לעכל, אַרײַנגעשטעקט אַ פֿלעקל און געמורמלט:

– שוין זשע האָט גאָט ווייניקער שׂכל פֿון אבא שוסטער? דו נאַר! ס'איז אַלץ רעכט! וואָס זײַן ליבער נאָמען טוט!...

## ד
# דער חורבן אין פֿראַמפּאָל

קנאַפּע פֿערציק יאָר זענען אַריבער. פּעשע איז שוין לאַנג געווען טויט. זי איז געשטאָרבן אין דער כאָלערע בעת די עסטרײַכער זענען געווען אין פֿראַמפּאָל. אבאס זין זענען געוואָרן נגידים אין אַמעריקע. וואָך-אײַן וואָך-אויס זענען אָנגעקומען פֿון זיי בריוו. זיי האָבן זיך געבעטן

בײַם טאַטן, ער זאָל קומען צו פֿאָרן. אָבער אבא איז געבליבן אין פֿראַמפּאָל, אין אַלטן הײַזל, אויפֿן אָפּגעשטאָכענעם בערגל. ער האָט שוין געהאַט אויפֿן בית-עולם אַ קרקע נעבן פּעשען, צווישן די קבֿרים פֿון די קליינע שוסטערלעך. עס איז שוין אַפֿילו דאָרט געשטאַנען זײַן מצבֿה, ווו ס׳איז געווען אויסגעקריצט דער נאָמען, דער טיטל און ס׳האָט בלויז געפֿעלט די דאַטע. אבא האָט זיך געלאָזט אויפֿשטעלן בײַם קבֿר אַ באַנק און ערבֿ ראש חודש אָדער אין אַ תּענית איז ער דאָרט געזעסן, געזאָגט מענה-לשון און אַרײַנגעקוקט אין ספֿר מעבֿר יבֿוק אויף עבֿרי-טײַטש. ער האָט ליב געהאַט דאָ צו זיצן. דער הימל איז אויפֿן פֿעלד העכער און לויטערער ווי אין שטעטל. אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט האָט זיך געטראָגן פֿון די אַלטע מצבֿות, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט מאָך; פֿון צדיקס אוהל, ווו ס׳האָט שוין איבער הונדערט יאָר געברענט אַ נר תּמיד; פֿון די הויכע ווײַסע בערעזעס, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אַפֿילו ווען ס׳האָט נישט געבלאָזן קיין ווינט און ס׳זענען געהאַנגען אויף זיי קראָען, ווי שוואַרצע פּירות. פֿאַרן טויט האָט פּעשע געהאַט גענומען בײַ אים תּקיעת-כּף. – ערשטנס, אַז ער וועט נאָך איר נישט חתונה האָבן, און צווייטנס, אַז ער וועט קומען אויף איר קבֿר און איר אָנזאָגן וואָס ס׳שרײַבן די קינדער. ער האָט געהאַלטן ביידע צוזאָגן. ער פֿלעגט זיך אויסשטרעקן נעבן איר בערגל ערד און אַרײַנרעדן צו איר ווי צו אַ לעבעדיקער.

– גימפּל האָט צוגעקריגן נאָך אַן אייניקל, – האָט ער אַרײַנגערופֿן.

– געצלס ייִנגסטע טאָכטער איז מיט מזל אַ כּלה געוואָרן. . .

דאָס הײַזל אויפֿן בערגל איז שוין געווען האַלב חרובֿ. די באַלקנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און מ׳האָט געמוזט אונטערשפּאַרן די ווינקלען מיט קופּעס שטיינער. פֿון די דרײַ פֿענצטערלעך זענען צוויי געווען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, וואָרעם מ׳האָט שוין דאָרט נישט געקאָנט אַרײַנפּאַסן קיין רעמען. דער דיל איז אין גאַנצן געווען אויסגעפֿוילט און מ׳איז אַרומגעגאַנגען אויף דער הוילער ערד. דער באַרנבוים אין הייפֿל איז אײַנגעדאַרט געוואָרן. דאָס אומקרויט האָט צוגעדעקט אַלע שטעגלעך. ס׳זענען זיך דאָ צעוואַקסן שטעכלקעס, וואָס מ׳וואַרפֿט תּשעה-באָבֿ, ווילדע יאַגדעס און ווײַנפּערלעך, וואָס מ׳טאָר נישט עסן, ווײַל זיי זענען סם. מ׳האָט גערעדט, אַז מ׳זעט דאָ

פֿײַערלעך ביי נאַכט און אַז אין דער שאַפֿע האַלטן זיך אויף פֿלעדערמײַז, וואָס פֿליִען אַרײַן מיידלעך אין די האָר. ס׳האָט ערגעץ דאָ אין די נעכט געקלאָגט אַ סאָווע. שכנים האָבן וויפֿל מאָל געוואָרנט אבאן ער זאָל נישט בלײַבן ווינען אין דעם מפּולת, וואָרעם ס׳קאָן נאָך אײַנפֿאַלן פֿון מינדסטן ווינטל. מ׳האָט אויך געטענהט מיט אים, אַז ער דאַרף מער נישט אַרבעטן וואָרעם די קינדער האָבן אים ממש באַוואָרפֿן מיט גאָלד. אָבער אבא איז געבליבן אײַנגעשפּאַרט. ער איז נאָך אַלץ אויפֿגעשטאַנען כּאור און זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן שוסטער-בענקעלע. כאָטש רויטהאָריקע ווערן נישט גיך גרוי איז זײַן באָרד געוואָרן ווײַס, און פֿון ווײַס – ווידער געלבלעך. די ברעמען זענען זיך צעוואַקסן ווי ברערשטלעך און פֿאַרשטעלט די אויגן. דער הויכער שטערן איז געוואָרן געל ווי פּאַרמעט. די מלאכה האָט ער נישט פֿאַרגעסן. ער האָט נאָך אַלץ געקאָנט מאַכן אַ שטאַרק שיכל מיט אַ ברייט קלעצל. ס׳האָט בלויז געדויערט לענגער. ער האָט געבויערט מיט דער אָל, געפֿײַלט מיט דער פֿײַל, געצויגן די דראַטווע, געקלאַפּט פֿלעקלעך און מיט אַ הייזעריק קול צוגעזונגען דאָס אַלטע ליד פֿון די קליינע שוסטערלעך:

הּאָט די מאַמע געקויפֿט אַ צאַפּיקל,
האָט דער שוחט געשאָכטן ס׳צאַפּיקל,
אוי, געוואַלד, ס׳צאַפּיקל.
אַבֿרהמעלע ט׳גענומען ד׳אייערלעך,
בערעלע ט׳גענומען די ביינדעלעך,
גימפּעלע ט׳גענומען ס׳גערגעלע,
דודל ט׳גענומען ס׳דרויבעלע,
הערשעלע ט׳גענומען ס׳העלדזעלע,

און מחמת ער האָט מער נישט געהאַט קיין זין, וואָס זאָלן אים אונטערהאַלטן, – האָט ער זיך אַליין אָפּגעענטפֿערט:

אוי, געוואַלד, ס׳העלדזעלע! . . .

מענטשן האָבן אים צוגערעדט ער זאָל צונעמען אַ ייִדענע אַ דינסט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן קיין פֿרעמדע אשה אין זײַן הײַזל. אַ שכנטע איז אַ מאָל אַרײַנגעקומען אויסקערן, אָדער צורוימען ס׳מיסט, אָבער אַפֿילו דאָס איז אים נישט ניחא געווען. ער

האָט זיך צוגעווינט צו זײַן אַליין. ער האָט זיך אויסגעלערנט אָפּקאָכן אויפֿן דרײַפֿוס, אונטער דער קאַפּע, אַ גריץ אָדער אַ ייַיכל. ער האָט אַפֿילו פֿרײַטאָג געשטעלט טשאָלענט. ער האָט אַמליבסטן געהאַט צו זיצן איינער אַליין אויפֿן שוסטער-בענקעלע, צו קלאַפּן מיטן העמערל און צו טראַכטן זײַנע מחשבֿות, וואָס זענען געוואָרן מיט די יאָרן אַלץ פֿאַרפּלאָנטערטער. ער האָט מיט זיך אַליין געפֿירט אַ שמועס בײַ טאָג און בײַ נאַכט. עמיץ האָט אין אים געפֿרעגט און געענטפֿערט. קלוגע רייד זענען גערעדט געוואָרן אין זײַן מוח, ווערטער צײַטיקע, באַטעמטע, פֿול מיט דער חכמה, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך די אַלטקייט. טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז די זיידעס זײַנע, די קליינע שוסטערלעך, זיצן אין אים און פֿירן צווישן זיך אַ לאַנגן וויכּוח – פֿון זאַכן, וואָס זיי האָבן געהערט אויף דער-וועלט און אויף אַנדערע וועלטן. אַלע טראַכטענישן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם אייגענעם: וואָס איז לעבן און וואָס איז טויט? וואָס איז די צײַט, וואָס לויפֿט אָן אויפֿהער, און וואָס איז דער שטח, וואָס טיילט אָפּ אים, אבאן, פֿון דעם ווײַטן אַמעריקע? . . . ער האָט צוגעשלאָסן די וויִעס, דאָס העמערל איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט, אָבער ער האָט ווײַטער פֿאַרנומען די דרײַ שוסטערשע קלעפּעלעך – אַ שטילס, אַ העכערס און אַ לעצטס – ווי אַ פֿאַרהוילענער וואָלט נעבן אים פֿאַראַכטן שיך . . . צומאָל ווען אַ שכן איז אַרײַנגעקומען און גענומען רעדן מיט אים הלמאי ער פֿאָרט נישט זען די קינדער, פֿלעגט אבא אָנווײַזן אויף דעם הויפֿן שקראַבעס, וואָס זענען געלעגן אַרום זײַן וואַרשטאַט.

– וואָס וועט זײַן מיט זיי? –האָט ער געפֿרעגט. – עמיץ מוז זיי דאָך פֿאַרריכטן! . . .

יאָרן זענען אַריבער און ער האָט נישט געוווּסט ווו די צײַט איז אַהינגעקומען. אין דעם שנײַדערישן בית-מדרשל, ווו ער איז געגאַנגען דאַוונען, האָבן די יונגע-לײַט געשמועסט וועגן מלחמות, גזירות, און אַז יידן קערן זיך ווידער אום קיין ארץ-ישׂראל. קיין פֿראַמפּאָל זענען געקומען אַלערליי דרשנים און משולחים. ערלים, וואָס ער, אבא, האָט זיי יאָרן לאַנג געמאַכט שטיוול, זענען מיט אַ מאָל געוואָרן שׂונאי-ישׂראל און אַוועק צו פּוילישע שוסטערס. אין איינעם אַ טאָג האָט דער זקן דערהערט, אַז ס׳גרייט זיך פֿונסנײַ אַ מלחמה אויף דער וועלט: היטלער דער ימח-שמוניק האָט

צונויפֿגענומען זײַנע חיילות, די סטרא-אחראניקעס, און וויל אײַננעמען פּוילן. ער האָט אויך געהערט, אַז דער צורר היהודים האָט אַרויסגעיאָגט די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד. ווי אַ מאָל בעת גירוש שפּאַניִע. דער זקן איז אויפֿגעציטערט געוואָרן. כאָטש ער האָט זיך קיין מאָל נישט צוגעלויבט, אַז ער וועט דערלעבן משיחן, איז אים אײַנגעפֿאַלן: ווער ווייסט? אפֿשר איז דאָס שוין די מלחמה פֿון גוג ומגוג? אפֿשר וועט אין גיכן משיח קומען און ס׳וועט זײַן תּחית המתים? ער האָט געזען אין זײַן דמיון ווי די קבֿרים אויפֿן בית-עלמין עפֿענען זיך און ס׳טויכן אויף די קליינע שוסטערלעך – אבא, געצל, טרייטל, גימפּל, דער זיידע, דער טאַטע. ער, אבא, פֿאַרבעט אַלעמען אין זײַן הײַזל אַרײַן און איז מכבד מיט לעקעך און בראָנפֿן. זײַן ווײַב פּעשע האָט פֿאַראיבל וואָס ס׳איז דאָ אַזאַ באַשטאַנד, אָבער ער ענטפֿערט איר: נו, וועט מען אויסקערן. אַבי מיר זעען זיך . . . מיט אַ מאָל פֿליט אָן אַ וואָלקן, טוט אַ נעם אויף זיך גאַנץ פֿראַמפּאָל מיט דער שול, דעם בית-מדרש, דער מקוה, אַלע ייִדישע הײַזלעך, זײַנס, אבאס, אויך, און טראָגט אַלץ אַריבער קיין ארץ ישׂראל. ווי גרויס איז זײַן חידוש, אַז ער טרעפֿט דאָרט זײַנע זין פֿון אַמעריקע. זיי פֿאַלן אים אַוועק צו די פֿיס און בעטן:

– טאַטע, זײַ אונדז מוחל! . . .

ווען אבא האָט זיך אויסגעמאָלט דאָס דאָזיקע טרעפֿעניש, האָט זײַן העמערל גענומען קלאַפּן גיכער און שטאַרקער. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט ווי די קליינע שוסטערלעך טוען אָן שבת זײַדענע זשופּיצעס, ברייטע גאַרטלען, סויבלען מיט ווערכן, און מ׳פֿאָרט צום הר הבית אין ירושלים. מ׳דאַוונט אין בית-המקדש. מ׳טרינקט ייִן המשומר. מ׳עסט שור הבֿר און לוויתן. ר׳יוחנן הסנדלר באַגעגנט די משפּחה-לײַט און רעדט צו זיי וועגן תּורה און שוסטערײַ. שבת-צו-נאַכטס קערט זיך אום ס׳גאַנצע געזינדל קיין פֿראַמפּאָל, וואָס איז אַ טייל פֿון ארץ-ישׂראל, אין דעם אַלטן הײַזל, וואָס כאָטש עס איז קליין, איז עס על פּי נס ˙ געוואָרן גערוים, ווי אַ פֿעל פֿון אַ הירש, ווי עס ווערט געזאָגט אין טײַטש-חומש. אַלע אַרבעטן בײַ איין וואַרשטאַט: די אבאס און די גימפּלס, די געצלס און די גאָדלס, די טרייטלס און די ליפּעס. מ׳נייט פֿאַר ייִדישע טעכטער גילדערנע סאַנדאַלן, און פֿאַר בחורים – רבנישע לאַטשן. משיח אַליין קומט צו

די קליינע שוסטערלעך און לאָזט זיך נעמען אַ מאָס אויף אַ פּאָר זײַדענע פּאַנטאָפֿעלעך...

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, ווען אבא איז אַזוי געזעסן פֿאַרטיפֿט אין זײַנע מחשבֿות, האָט ער דערהערט אַ גרויסן רעש: אַ טרומייטערן, אַ געקלאַפּ, אַ געבראַזג, אַ שאַלעניש. דער זקן האָט אַ ציטער געטאָן. ס'איז שופֿר של משיח! – איז אים דורכגעלאָפֿן דורכן רעיון. ער האָט איבערגעלאָזט דעם שטיוול און מיט טרייסלענדיקע הענט אַרויס אין דרויסן. אָבער ווײ, ס'איז נישט געווען דער רוף פֿון אליהו הנבֿיא. נאַציס זענען געפֿלויגן און געוואָרפֿן באָמבעס. אין שטעטל איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געיאָמער. אַ באָמבע איז אַראָפּגעפֿאַלן בײַ דער שול. ס'האָט געטאָן אַ קנאַל, אַז אבאן האָט דער מוח זיך אַ הייב געטאָן אין שיידל. אַ בלענדיקער באַלעם, ווי אַ בליץ, האָט זיך באַוויזן, און גאַנץ פֿראַמפּאָל איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ שאַרלאַך-רויטער שײַן. ס'איז געווען ווי דאָס גיהנום וואָלט מיט אַ מאָל זיך געעפֿנט. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט אײַנגעהילט דעם שול-הויף, מחנות פֿייגל האָבן גענומען פֿליִען פֿון אַלע זײַטן מיט אַ קראַקעניש. דער וואַלד האָט געברענט און ס'זײַנען אויפֿגעגאַנגען גרויסע זײַלן רויך. פֿון בערגל אַראָפּ האָט אבא געזען סעדער אײַנגעהילט אין פֿלאַמען. די עפּל-ביימער האָבן סײַ געבליט סײַ געפֿלאַקערט. עטלעכע לײַט, וואָס זענען געשטאַנען נעבן אבאן, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד. זיי האָבן גערופֿן צום זקן, אַז ער זאָל נאָכטאָן זייער בײַשפּיל. אָבער ער האָט נישט געהערט זייערע קולות און ס'איז אים פֿאָרגעקומען, אַז זיי מאַכן מיט די מײַלער ווי שטומע. נאָך אַ קווענקלעניש איז ער מיט שטרויכלענדיקע קני אַרײַן אין שטוב. ער האָט דאָרט אַרײַנגעפּאַקט אין אַ זעקל דעם טלית ותּפֿילין, אַ העמערל, אַ קאָפּעטע, אַן אָל, אַ דראַטווע, אַ צוואַנג, אַ קעסטל שיפֿטן, און אויך אַרײַנגעשטופּט דעם פּאַק פּאַפּירן-געלט, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין שטרוי-זאַק. באַלד דערנאָך האָט ער גענומען דעם שטעקן אין האַנט, אַ קוש געטאָן די מזוזה און אַרויס. ס'איז געווען אַ נס, וואָס ער האָט זיך צוגעאײַלט, ווײַל אַ ביסל שפּעטער האָט די שׂרפֿה דערגרייכט דאָס הײַזל. דאָס דעכל האָט זיך אַ הייב געטאָן ווי אַ הימל, און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט דער בוידעם מיט זײַן אינגעווייד. די ווענט זענען אײַנגעפֿאַלן. אבא האָט געזען ווי דער נחלת-צבֿי אויף דער פּאָליצע, וואָס איז געבליבן הענגען ווי אין דער לופֿט, האָט זיך אָנגעבלאָזן, פֿאַרברענט געוואָרן און אַ רגע

געבליבן שטיין מיט גליִענדיקע בלעטער און פֿײַערדיקע אותיות, ווי די תּורה וואָס ייִדן האָבן געקראָגן אויפֿן באַרג סיני . . .

# ה
# אויף יענער זײַט ים

פֿון יענעם טאָג אָן איז אבא מער נישט געווען ער אַליין. זײַן לעבן איז געוואָרן ווי אַ מעשה, וואָס ער האָט געלייענט אין טײַטש-חומש, אָדער ווי אַ משל וואָס ער האָט געהערט פֿון אַ מגיד. ער האָט איבערגעלאָזט דאָס הויז פֿון זײַנע עלטערן, די שטאָט פֿון זײַן געבורט, און איז אַוועק וואַנדערן מיטן בלויזן שטעקן, ווי יעקבֿ אבֿינו. די פֿײַערן אין פּראַמפּאָל און אין די דערפֿער אַרום האָבן אים דערמאָנט אין סדום און עמורה, וואָס דער רויך איז אויפֿגעגאַנגען פֿון זיי ווי פֿון אַ קאַלך-אויוון. ער איז בײַ נאַכט געלעגן מיט אַנדערע ייִדן אויפֿן בית-עולם, מיט אַ שטיין צוקאָפּנס, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז אויפֿן וועג פֿון באר-שבֿע קיין הרן און ער נעכטיקט אין בית-אל. ראש השנה האָבן די פּראַמפּאָלער ייִדן געדאַוונט אין וואַלד. מחמת אבא איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט מיט זיך אַ טלית און אַ סידור, האָט מען אים מכבד געווען מיט דער מוספֿדיקער שמונה-עשׂרה. ער איז געשטאַנען בײַ אַ סאָסנע אַנשטאָט אַן עמוד און מיט אַ הייזעריקער קול געזונגען די ימים-נוראימדיקע נגונים. אַ קוקו האָט געקוקט, אַ פּיכאָלץ האָט געפּיקט, אַלערליי פֿייגל האָבן געצוויטשערט, געפּײַפֿט, געשריגן. שפּעט-זומערדיקע פֿעדעם זענען אַרומגעפֿלויגן אין דער לופֿט און זיך פֿאַרטשעפּעט אין אבאס באָרד. פֿון מאָל צו מאָל איז אַ שאַלעניש אַדורך איבערן וואַלד און אָפּגעהילכט מיט אַ סך ווידער-קולות, ווי אַן אומגעזעענער וואָלט געבלאָזן שופֿר . . . אין די קילע נעכט פֿון עשׂרת-ימי-התּשובֿה האָבן די פּראַמפּאָלער געזאָגט פֿון גדעכעניש שטיקלעך סליחות: אל מלך יושבֿ, זכר ברית, אדם מה יזכה, און וואָס איינער האָט גדענקט פֿון אויסנווייניק. פֿערד, וואָס פּאַשען זיך גאַנצע נעכט אויף די לאָנקעס, האָבן געהירזשעט. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. פֿון מאָל צו מאָל האָט מען פֿאַרנומען ווײַטע שאָסן. די וואָלקנס זענען געווען רויט אין אָפּשײַן פֿון שׂרפֿות. שטערן זענען געפֿאַלן און איבערגעלאָזט נאָך זיך פֿײַערדיקע רוטן. בליצן האָבן דורכגעשניטן דעם הימל. קינדער זענען געווען פֿאַרשלאַפֿט אין די

נעכט און אַזוי לאַנג זיך געריסן, ביז זיי האָבן זיך פֿאַרקײַכט און זענען אויסגעגאַנגען אויף די אָרעמס פֿון די מאַמעס. מ׳האָט אויסגעגראָבן פֿאַר זיי קבֿרימלעך אין מיטן פֿעלד. אַ מעוברתדיקע אשה האָט באַקומען געבורט-ווייען. אבאן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז שנת תּ״ח, און אַז ער, אבא, איז דער עלטער-עלטער-זיידע, דער ערשטער פֿון שטאָט, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון כמעלניצקיס הײַדאַמאַקעס און וואָס זײַן נאָמען ווערט דערמאָנט אין פּראַמפּאָלער פּנקס. ער איז געווען גרייט זיך מוסר נפֿש צו זײַן על קדוש-השם. עס האָבן זיך אים געחלומט אויף דער וואַך גלחים, שײַטער-הויפֿנס, און ווען דער ווינט האָט גענומען בלאָזן צווישן די צווײַגן, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עדות ייִדן שרײַען שמע-ישׂראל. וויפֿל מאָל ער איז אַנטדרימלט געוואָרן, איז אים פֿאָרגעקומען, אַז ער איז אין אַ שול און מ׳זאָגט סליחות. עס האָט אים יעדעס מאָל אויפֿגעוועקט דאָס געשריי:

—״ויקרא בשם אַ-דו-ני!״ . . . .

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סײַ מיט זײַן געלט, סײַ מיט זײַן שוסטער געצײַג האָט אבא געקאָנט ראַטעווען אַ סך ייִדן. פֿאַר דעם געלט האָט מען געדונגען פֿורן און מ׳איז געפֿאָרן קיין דרום-צו, אויפֿן וועג קיין רומעניִע. אָפֿט איז אויסגעקומען צו גיין מײַלן צו פֿוס, די שיך זענען צעריסן געוואָרן און אבא האָט זיי פֿאַרריכט אונטער אַ בוים. נאָך לאַנגע וואַגלענישן און סכנות איז מען אין דער נאַכט פֿון שלש- עשׂרה מדות אַריבער די רומענישע גרענעץ. צו מאָרגנס, ערבֿ יום- כּפּור, האָט מען געשיקט אַ דעפּעשע צו אבאס זין קיין אַמעריקע און זיי צו וויסן געטאָן ווו זייער פֿאָטער געפֿינט זיך. אַן אַלטע ייִדענע, אַן אַלמנה, האָט אַרײַנגענומען דעם זקן צו זיך.

מ׳קאָן זיך גרינגלעך אויסמאָלן, אַז אבאס זין האָבן מרעיש עולם געווען אַרויסצוראַטעווען דעם אַלטן טאַטן. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט ווו ער איז, זענען זיי געלאָפֿן קיין וואַשינגטאָן, צו מלכות, אויסגעפּועלט פֿאַר אים אַ וויזע און מיטן טעלעגראַף אַריבערגעשיקט צום קאָנסול קיין בוקאַרעשט אַ סכום געלט מיט אַ בקשה, ער זאָל העלפֿן דעם זקן. דער קאָנסול האָט צו אבאן געשיקט אייגנס אַ שליח. צו מאַכן די זאַך בקיצור: מ׳האָט איבערגעפֿירט דעם אַלטן מיט דער באַן קיין בוקאַרעשט. מ׳האָט דאָ אָפּגעהאַלטן אַ וואָך און

אים איבערגעשיקט אין אַן איטאַליענישן פּאָרט. דאָרט האָט מען אים אָפּגעשוירן, אויסגעפּאַרעט זײַנע מלבושים און אים אַרויפֿגעזעצט אויף אַ שיף. ס'איז געווען די לעצטע שיף וואָס איז געגאַנגען פֿון יענע מקומות קיין אַמעריקע.

די נסיעה איז געווען אַ לאַנגע און אַ שווערע. אַנדערט-האַלבן טעג האָט זיך אבא געשלעפּט מיט באַנען קיין איטאַליִע, זיך געטראָגן איבער בערג און טאָלן, ווי אין כּף הקלע. מ'האָט אים געגעבן צו עסן, אָבער מחמת ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין טרפֿות, האָט ער גאָרנישט פֿאַרזוכט. דער זאַק מיטן טלית ותּפֿילין און דעם שוסטער-געצײַג איז ערגעץ נעלם געוואָרן. ער האָט פֿאַרגעסן דעם חשבון פֿון די טעג, און האָט מער נישט געוווּסט צי ס'איז אין דער וואָכן אָדער שבת. שפּעטער, אויף דער שיף, איז ער, אַ פּנים, געווען איין ייִד. ס'האָט זיך דאָרט געפֿונען אַ דאָלמעטשער וואָס האָט גערעדט דײַטש, אָבער דער זקן האָט נישט פֿאַרשטאַנען זײַן לשון. דער ים איז געווען שטורעמדיק. אבא איז כּמעט די גאַנצע צײַט געלעגן. כאָטש ער האָט נישט געגעסן מער ווי האַרטע סוכערעס מיט קאַלט וואַסער, האָט ער געבראָכן מיט דער גרינער גאַל. ער איז אַנטדרימלט געוואָרן און זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט. די מאַשינען האָבן געררוישט בײַ טאָג און בײַ נאַכט. דער פֿײַפֿער האָט געפֿײַפֿט לאַנג און מיט וואָרעניש. די הייסע לופֿט האָט געשמעקט מיט פּעך, אייל, אָנגעברענץ. די טיר פֿון שיף-קאַמער האָט זיך יעדעס מאָל אויפֿגעפּראַלט און זיך פֿאַרקלאַפּט, ווי לאַפּיטוטן וואָלטן מיט איר אַרומגעשטיפֿט. די גלעזער אין שענקל האָבן געקלונגען און אונטערגעטענצלט. די ווענט האָבן זיך געוואַקלט. דער דיל האָט זיך געוויגט, ווי אַ הוידלקע. ווי לאַנג ס'איז געווען טאָג האָט אבא אַרויסגעקוקט דורך דעם קײַלעכדיקן פֿאַרשמירטן שײַבל האַרט בײַ זײַן געלעגער. דאָ האָט די שיף זיך געטאָן אַ הייב, ווי גרייט אַוועקצופֿליִען ערגעץ אין חלל: דער צעריסענער הימל האָט דערבײַ געטאָן אַ פֿאַל-אַראָפּ, ווי די וועלט וואָלט זיך אומגעקערט צום תוהו-ובֿוהו. באַלד האָט די שיף גענומען זינקען אין תּהום און דער הימל האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבן און אויסגעשפּרייט ווי אין אַ נײַעם מעשה-בראשית. די וועלן זענען געוואָרן דאָ געל ווי שוועבל, דאָ שוואַרץ ווי פֿעלז. צו מאָל זענען זיי געלאָפֿן פֿאָרויס, צאַקיק און קאַמיק, ווי קייטן בערג. זיי האָבן דערמאָנט אבאן דעם פּסוק פֿון תּהלים: ההרים רקדו כאילים, גבעות כּבֿני צאן. באַלד האָבן זיי גענומען אָפּטרעטן אויף צוריק, ווי

בײַ קריִעת ים-סוף. כאָטש אבא איז קיין מאָל נישט געווען קיין למדן, איז אים איצט דער קאָפּ פֿול געווען מיט פֿאַרגלײַכענישן פֿון חומש און פּסוק. טייל מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער איז דער נבֿיא יונה, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון גאָט, און אַז ער געפֿינט זיך נישט אויפֿן דנאָ פֿון אַ שיף, נאָר אין די געדערים פֿון אַ וואַלפֿיש. ער האָט, ווי יונה, געבעטן גאָט ער זאָל אים מציל זײַן פֿון דעם באַדרענגעניש. אַן אַנדער מאָל איז אבאן פֿאָרגעקומען, אַז דאָס, וואָס ער זעט אין דרויסן, איז נישט דער אוקעאַן, נאָר אַ מדבר אָן אַ גרענעץ, פֿול מיט שלאַנגען, עקדישן, פּיפּערנאָטערס, ווי ס'ווערט דערציילט אין חומש דברים. אין די נעכט האָט ער זעלטן אַן אויג צוגעטאָן. יעדעס מאָל וואָס ער איז אַראָפּ טאָן זײַן באַדערפֿעניש, איז ער געפֿאַלן און געבליבן ליגן אַ פֿאַרחלשטער. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און די קני האָבן זיך אים ווידער אונטערגעבראָכן. ער האָט פֿאַרלוירן דעם וועג אין דעם שמאָלן געדרייטן קאָרידאָר, און אַזוי לאַנג געזוכט און געקרעכצט, ביז אַ מאַטראָז האָט אים צוריקגעפֿירט אין זײַן חדרל. ער איז יעדעס מאָל פֿונסנײַ זיכער געווען, אַז ס'איז שוין דער סוף און אַז ער וועט אפֿילו נישט קומען צו קבֿר-ישׂראל, נאָר מ'וועט אים אַרײַנוואַרפֿן אין דער טיפֿעניש פֿון ים. ער האָט געפֿנומען זאָגן ווידוי, קלאַפּן מיט דער קנאָטיקער פֿויסט אין דער ברוסט אַרײַן און אַלע מאָל אַרויסגעבראַכט די אייגענע ווערטער:

—אוי, וויי, טאַטע! ס'איז באו מים עד נפֿש!...

גלײַך ווי ער האָט נישט געוווּסט ווען ער איז אַרויסגעפֿאָרן, אַזוי האָט ער אויך נישט באַנומען, אַז ער איז שוין אָנגעקומען. די שיף איז געשטאַנען אין ניו-יאָרקער האַפֿן, אָבער ער האָט דאָס נישט געשפּירט. ער האָט געזען דורך דעם פֿענצטערל הײַזער, טורעמס, נאָר ער האָט געמיינט, אַז דאָס זענען אינדן. אַ לאַנגער פּאַרשוין אין אַ ווײַס היטל איז אַרײַנגעקומען צו אים און געשריגן, אָבער אבא האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. נאָך לאַנגע חקירות ודרישות האָט מען אים געהאָלפֿן זיך אָנטאָן און מ'האָט אים אַרויסגעפֿירט אין דרויסן. עס האָבן שוין דאָרט געוואַרט אויף אים די זין, די שנורן, די אייניקלעך. אבאן האָט אַ שווינדל געטאָן פֿאַר די אויגן. אַ געזעמל פּריצים, פּריצות, שקצים, שיקסעס, האָבן זיך אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן, געקושט, געהאַלדזט, אַלע צוזאַמען געשריגן אויף אַ

לשון, וואָס איז געווען יאָ יִדיש און נישט יִדיש. מ׳האָט אים האַלב געפּירט, האַלב געטראָגן און אים צום סוף אַריַינגעזעצט אין אַ מאַשין. עס זענען צוגעפֿאָרן נאָך אַנדערע מאַשינען – אַלץ מיט אבאס אייגענע. באַלד האָט די מאַכינע גענומען פֿליִען פּיַיל-אויסן-בויגן, איבער בריקן, טייַכן, דעכער, היילן. הייַזער האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, ווי אין אַ נס. געבייַען האָבן אויסגעשאָסן ביז די וואָלקנס. שטעט האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון אונטער דער ערד. זיי האָבן אבאן דערמאָנט אין פּיתום ורעמסס. מענטשן זענען געלאָפֿן אויף הינטערוויַילעכץ. די לופֿט איז געווען פֿול מיט דונערן און בליצן, מיט קלאַפּעריַי און טרומייטערניש. אין דרויסן איז געווען האַלב-חתונה, האַלב-שׂרפֿה. צו מאָל האָט זיך אבאן געדוכט, אַז גאַנצע מדינות האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף עפּעס אַ היידענישן פֿייַערטאָג . . . אַרום אים האָבן זיך געשטופּט זייַנע זין. ער האָט זיי נישט דערקאָנט, בלויז געזען ווי נעפּל, אַז זיי זענען קליינע און געלבלעכע. זיי האָבן אים אַריַינגעשריגן אין די אויערן אַריַין ווי אַ טויבן:

– איך בין גימפּל . . .

– איך בין געצל . . .

– איך בין פֿייַוול . . .

דער זקן האָט צוגעשלאָסן די וויִעס און נישט געענטפֿערט. אַלע קולות האָבן זיך צונויפֿגעמישט. אַלץ איבער אים און אינטער אים האָט זיך געשאָקלט, געשלייַדערט, געלאָפֿן הענדעם- פּענדעם. ס׳האָט אין אים מיט אַ מאָל אויפֿגעטויכט די מעשה ווי יעקבֿ איז אָנגעקומען קיין מצרים און ווי פּרעה האָט אים אָנגעשיקט זייַנע עגלות. עס איז געווען ווי ער אַליין, אבא, וואָלט דאָס בייַגעוווינט אין אַ פֿריִערדיקן גלגול. די באָרד האָט אים גענומען ציטערן און זיך וואַרפֿן. אַ הייזעריקער שלוכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זייַן קעל. אַ פֿאַרגעסענער פּסוק איז אים געבליבן שטעקן אין גאָרגל. ער האָט בלינדערהייט אַרומגענומען איינעם פֿון די זין און געכליפּעט:

– דו ביסט דאָ? דו לעבסט? . . .

געוואָלט האָט ער זאָגן:

– אמותה הפעם, אחרי ראותי את פניך . . .

# ו

# די אַמעריקאַנער ירושה

אבאס זין האָבן נישט געוווינט אין ניו-יאָרק, נאָר בײַ אַ שטעטל אין ניו-דזשוירזי, אַ האַלבן מײַל אָפּגערוקט פֿון ישובֿ. נעבן אַ וואַסער זענען געשטאַנען זיבן הײַזלעך, אַרומגערינגלט מיט גערטנדלעך. פֿון דאַנען זענען די זיבן ברידער געפֿאָרן יעדן טאָג אין אויטאָמאָבילן צו דער שיך-פֿאַבריק, וואָס האָט געהערט צום עלצטן, צו גימפּלען. דעם טאָג פֿון אבאס קומען זענען די זין נישט אַוועק צו זייערע ביזנעס. מ'האָט אין גימפּלס הויז אײַנגעריכט פֿאַרן טאַטן אַ סעודה. מ'האָט אייגנס געקויפֿט גלאַט-כּשר פֿלייש און גענוצט נײַ געפֿעס. גימפּל'ס ווײַב, בעסי, וואָס איז געווען פֿון דער היים אַ מלמדס אַ טאָכטער און האָט געדענקט אַלע היימישע פּירעכצן, האָט אַכטונג געטאָן, אַז אַלץ זאָל צוגיין כּדת וכדין. לכּבֿוד דעם שווער האָבן די שנורן אָנגעטאָן טיכלעך אויף די קעפּ. אבאס זין האָבן אויסגעזוכט די קאַפּלען, וואָס זיי האָבן געטראָגן ימים-נוראים אין שול. די אייניקלעך און די אור-אייניקלעך האָבן נישט געקאָנט רעדן קיין יידיש, אָבער זיי האָבן זיך אייגנס אויסגעלערנט עטלעכע ווערטער. זיי האָבן אַלע געוווּסט פֿון פֿראַמפּאָל, פֿון די קליינע שוסטערלעך, פֿון דעם ראש פֿון דער משפּחה, דעם ערשטן אבאן. אַפֿילו די גויִים אין די שטעטלעך אַרום האָבן געהערט דערפֿון, ווײַל גימפּל האָט אין די אַנאָנסן, וואָס ער האָט געגעבן אין די ענגלישע צײַטונגען וועגן זײַן שוך- פֿאַבריק, זיך געיחוסט מיט זײַן שוסטערשן אָפּשטאַם. מיר האָבן נישט ערשט נעכטן אָנגעהויבן מאַכן קיין שיך – האָט ער אַנאָנסירט. – אונדזער געניטשאַפֿט אין שיך האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פּוילישער שטאָט בראָד מיט דרײַ הונדערט יאָר צוריק, ווען אונדזער עלטער-עלטער-זיידע, אבא, האָט געלערנט דאָס פֿאַך בײַ אַ דאָרטיקן מײַסטער. די געמיינדע פֿון דער שטאָט פֿראַמפּאָל, ווו אונדזער משפּחה האָט זינט דעמאָלט געמאַכט שיך אין משך פֿון פֿופֿצן דורות, האָט יענעם אבאן באַשאָנקען מיט דעם טיטל ראַבײַ (ער האָט געמיינט דעם מורגו) פֿאַר זײַן טשאַריטי, וואָס איז אַלע מאָל בײַ אונדז געגאַנגען האַנט-בײַ-האַנט מיט פֿאַך-קענטעניש און גוטער באַהאַנדלונג פֿון די קונדן . . .

אין דעם בלאַט-צײַטונג, וואָס איז אין טאָג פֿון אבאס אָנקומען אַרויס אין דער שטאָט עליזאַבעטה, איז געווען געמאָלדן, אַז צו די זיבן ברידער פֿון דער באַרימטער שיך-קאָמפּאַני קומט הײַנט אַ גאַסט פֿון פוילן: זייער אַלטער טאַטע. עס זענען אָנגעקומען צו גימפּלען אַ סך טעלעגראַמעס פֿון פֿירמעס, לאַנדסלײַט, מחותּנים.

די סעודה איז געווען אַ געהויבענע. מ'האָט אין גימפּלס אויפֿנאַם-זאַל געשטעלט דרײַ געדעקטע טישן, איינעם פֿאַרן טאַטן מיט די זין און שנורן, דעם אַנדערן – פֿאַר די אייניקלעך, דעם דריטן – פֿאַר דעם קליינוואַרג, די אור-אייניקלעך. כאָטש עס איז געווען אין מיטן טאָג האָט מען אין די לײַכטער אָנגעצונדן ליכט – רויטע, בלויע, גרינע, געלע. די פֿלעמלעך האָבן זיך געשפּיגלט אין דעם זילבערנעם געשיר, אין דעם פּאָרצעלאַנענעם געפֿעס, אין די קרישטאָלן, ווײַנען און כּוסות, וואָס האָבן דערמאָנט אָן פּסח צום סדר. אויף אַלע טישלעך און געשטעלכלעך זענען געווען אָנגעשטעלט בלומען. די שנורן האָבן געוואָלט, מ'זאָל דעם שווער גלײַך אָנטאָן נײַע מלבושים, אָבער גימפּל האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז דער טאַטע זאָל בלײַבן דעם ערשטן טאָג אין זײַן פּראַמפּאָלער קאַפּאָטע. מ'האָט געהאַט אייגנס באַשטעלט פֿאָטאָגראַפֿיסטן, וואָס זאָלן אַראָפּנעמען אַ בילד פֿון דעם באַנקעט. עס האָט געזאָלט געדרוקט ווערן אין די בלעטער. גימפּל האָט אַפֿילו געהאַט אײַנגעלאַדן אויף שפּעטער אַ ראַבאַי און א חזן, וואָס זאָל זינגען לכּבֿוד דעם גאַסט חזנישע שטיקלעך. אבא איז געזעסן אויבן-אָן אויף אַ פֿאָטער-שטול. גימפּל און געצל האָבן אים אַרײַנגעבראַכט אַ שיסל, אַ שעפּ וואַסער און אים אָפּגעגאָסן די הענט צו שאו ידיכם. די שפּײַזן האָט מען אַרײַנגעטראָגן אויף זילבערנע טאַצן. מ'האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר דעם זקן אַלערליי פּרוכט-זאַפֿטן, סאַלאַטן, כּל-המינים זיסן בראָנפֿן, קאָניאַק, מעד, קאַוויאַרן. באַדינט האָבן נקבֿות מיט שוואַרצע פּנימער. אבאן האָט זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ פּרעה, יוסף, פּוטיפֿרע, גושן, דער שׂר המשקים און שׂר האופֿים. עסן אַליין האָט ער נישט געקאָנט: די הענט האָבן זיך אים געוואָרפֿן, און גימפּל, דער בחור, האָט אים אָנגעקאָרמעט. וויפֿל די זין האָבן נישט גערעדט צו אים און אים געגעבן סמנים ווער זיי זענען, האָט דער זקן נישט געקאָנט פֿונאַנדערשיידן צווישן איינעם און דעם אַנדערן. יעדעס מאָל וואָס דער טעלעפֿאָן האָט גענומען קלינגען, האָט ער אויפֿגעציטערט און זיך געטאָן אַ ריס, ווי צו אַנטלויפֿן. עס האָט אים דערמאָנט אין די נאַצישע עראָפּלאַנען, וואָס זענען געפֿלויגן איבער

פֿראַמפּאָל. אַ ווײַל האָט זיך אים געדוכט, אַז דאָס גאַנצע הויז דרייט זיך אַרום-און-אַרום ווי אַ קאַרוזעל. באַלד איז אים פֿאָרגעקומען, אַז די טישן שטייען נישט אויפֿן דיל, נאָר אויפֿן בעליק, און אַז אַלע גייען מיט די קעפּ אַראָפּ און די פּיס אַרויף . . . קעגן דער שײַן פֿון די קאָלירטע עלעקטרישע לאָמפּן און די פֿאַרביקע ליכט איז זײַן פּנים געווען געל, ווי בײַ אַ מת. נאָך דער יויך, ווען די שוואַרצע דינסטן האָבן גענומען אַרײַנטראָגן די געקאָכטע און געבראָטענע הינער, איז דער זקן פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן. מ׳האָט אים אין דער גיך אַריבערגעטראָגן אין שלאָף-צימער און געלייגט אויפֿן בעט. מ׳האָט באַלד דערנאָך געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר.

וואָכן לאַנג איז אבא געווען ווי אין הינערפּלעט. פֿריִער איז ער גאַנצע טעג געשלאָפֿן און געדרימלט ווי אין אַ היץ-שלאַפֿקייט. ער האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין כּוח צו דאַוונען. אַ וועכטערין אין ווײַסע מלבושים האָט געוואַכט איבער אים בײַ טאָג און בײַ נאַכט. ער איז שפּעטער געקומען צו די כּוחות און איז אַפֿילו אַרויס אין דרויסן פֿאַר דער שוועל, אָבער די רעיִונות זענען אים געבליבן צורודערט. ער האָט געוואָלט עפֿענען אַ טיר פֿון אַ שטוב און איז אַרײַן אין אַ קליידער-שאַנק. ווען ער איז אַרײַן אין באָד צימער, האָט ער נישט געוווּסט ווי אַרויסצוקומען. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דעם קלינגען אין דער טיר, פֿאַר די קולות וואָס זענען געקומען פֿון ראַדיאָ-קעסטל, פֿאַר דעם רויש און דעם גרילצעניש פֿון די מאַשינען, וואָס זענען פֿאַרבײַגעפֿאָרן אין דרויסן. גימפּל האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ מקום-קדוש, וועלכע צען מײַל פֿון דער היים, נאָר אויך דאָרט איז דער זקן געבליבן אַ צעטומלטער. דער שמשׂ איז געווען אַ געגאָלטער. די ליכט אין ששה נרות זענען געווען פֿון עלעקטרע. עס איז דאָ נישט געווען קיין שול-הויף, קיין האַנטפֿאַס צו וואַשן די הענט, קיין אויוון זיך אָנצוּוואַרעמען. דער חזן האָט נישט געדאַוונט, נאָר געבלעקעכצט. די מתפּללים זענען אַרומגעגאַנגען אין קליינע טליתימלעך ווי שאַליקלעך. אבא האָט מורא באַקומען, אַז מ׳האָט אים פֿאַרפֿירט אין אַ תּיפֿלה און אַז מ׳וויל מאַכן פֿון אים אַן עבֿודה זרה. . .

ווען דער ווינטער איז אַריבער און אבאן איז נישט בעסער געוואָרן, האָבן די שנאָרן גענומען מורמלען, אַז ס׳וואָלט אפֿשר גלײַך געווען, מ׳זאָל דעם אַלטן אַוועקשיקן אין אַ מושבֿ-זקנים, אָדער אין אַ היים

פֿון קראַנקע און געליימטע. אָבער גראָד דעמאָלט איז עפּעס געשען. איין מאָל, ווען אבא האָט געעפֿנט די שאַנק, האָט ער אינעווייניק דערזען אַ זאַק, וואָס האָט אים אויסגעוויזן היימיש. ווען ער האָט אין אים אַרייַנגעקוקט, האָט ער געפֿונען זייַן שוסטער-געצייַג פֿון פֿראַמפּאָל: אַ קעסטל שטיפֿטן, די קאַפּאָטע, דעם האַמער, דאָס מעסער, די צוואַנג, די פֿײַל, די אָל. ס׳האָט זיך אויך פֿאַרוואַלגערט אַ צעבויגענער שוך. אבא האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. נאָך לאַנגן קווענקלעניש, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פֿוסן-בענקעלע און גענומען זיך פּאָרען מיט קרומע אָפּגעווינטע פֿינגער. ווען בעסי איז אַרייַנגעקומען און געזען ווי דער שווער זיצט און עסקט זיך מיט אַ פֿאַרדאַרטן שקראַב, האָט זי זיך צעלאַכט.

– וואָס טוט דער שווער? – האָט זי געפֿרעגט. – איר׳ט זיך נאָך, חלילה, צעשנײַדן די הענט! . . .

יענעם טאָג האָט אבא מער נישט געדרימלט אויף זייַן געלעגער. ער איז געזעסן אַ פֿאַרטועגער, ביזן אָוונט. ער האָט אַפֿילו געגעסן מיט מער אַפּעטיט דאָס שטיקל הון און אַ שמייכל געטאָן צו די אור-אייניקלעך, וואָס זענען געקומען קוקן וואָס דער עלטער-זיידע טוט. ווען גימפּל האָט צו מאָרגנס דערציילט די ברידער ווי דער טאַטע האָט זיך צוגעכאַפּט צו זייַנע פֿראַמפּאָלער כלים, האָבן זיי געלאַכט. אָבער ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אומקערן זיך צו שוסטערײַ איז פֿאַר דעם זקן אַ רפֿואה. טעג זענען אַריבער און אבא איז נישט מיד געוואָרן פֿון זייַן פּאָרעניש. ער האָט אויסגעזוכט אויסגעאַנגענע שיך, וואָס האָבן זיך פֿאַרוואַלגערט אין די שענק, און זיי געפּרוּווט פֿאַרריכטן. ער האָט גענומען בעטן זיך בײַ די קינדער מ׳זאָל אים ברענגען לעדער און מכשירים. ווען מ׳האָט אים צוליב געטאָן, האָט ער אויספֿאַרראָכטן אַלע מענערשע, ווײַבערשע און קינדערשע שיך, וואָס זענען געבליבן אין הויז. נאָך פּסח האָבן אבאס זין זיך צונויפֿגערעדט, געלאָזט אויסבויען אין הויף אַ שטיבל, אַרייַנגעשטעלט אַ וואַרשטאַט, אַ שוסטער-בענקעלע, אָנגעבראַכט אַלע סאָרטן לעדער, קאָפּיטעס, טינטן, קלייסטערס, נעגל, באַרשטן, צודאַטן און אַלץ וואָס קאָן זייַן נייטיק פֿאַר דער שוסטערשער מלאכה. וואָס זענען דען אבאס קינדער נישט גרייט געווען צו טאָן פֿאַר זייער טאַטן?

דער זקן האָט אויפֿגעלעבט. די שנורן האָבן געשווירן, אַז ער איז געוואָרן מיט פּוּפֿצן יאָר ייִנגער. ער איז, ווי אַ מאָל אין פֿראַמפּאָל, אויפֿגעשטאַנען גלײַך מיט זון-אויפֿגאַנג, אָפּגעדאַווּנט און זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך פֿונסנײַ אויסמאַרקירט אַ מאָס פֿון אַ שטריקל מיט קנופּן. די ערשטע פּאָר שיך ער האָט אויסגעפּאַרטיקט פֿאַר בעסין, דער עלצטער שנור, האָט מען אַרומגעטראָגן אויף חדושים. בעסי, וואָס האָט געהאַט שוואַכע פֿיס און נישט געקאָנט לאַנג שפּאַצירן, האָט געטענהט, אַז זי האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אַזוינע באַקוועמע שיך ווי די, וואָס דער שווער האָט איר געמאַכט. די אַנדערע שנורן האָבן זיך אין איר מתקנא געווען און זיך אויך געלאָזט נעמען אַ מאָס. נאָך זיי זענען געקומען די אייניקלעך. ווען די גויִישע שכנים האָבן זיך דערוווּסט, אַז צו דער רײַכער ייִדן-משפּחה איז געקומען פֿון יענער זײַט ים זייער אַלטער פֿאָטער און אַז ער נייט שיך אויפֿן פֿאַרצײַטישן שטייגער, פֿון ליבשאַפֿט צום פֿאַך, איז דאָס זיי געפֿעלן און אייניקע זענען געקומען צו אים מיט באַשטעלונגען. דער זקן האָט זיך דורכגערעדט מיט זיי האַלב אויף ייִדיש-טײַטש, האַלב אויפֿן ווונק, און ער האָט בײַ אַלעמען נושׂא-חן געווען. די ייִנגערע אייניקלעך און די אור-אייניקלעך זענען שוין לאַנג געשטאַנען בײַ דער אָפֿענענר טיר פֿון דעם שטיבל און געקוקט ווי זייער זיידע קלאַפּט פֿלעקלעך. מחמת ער האָט שוין פֿאַרדינט געלט, האָט ער געקויפֿט פֿאַר די קינדער שפּיל-צײַג און צוקערלעך. ער האָט אַפֿילו אויסגעשניצט אַ טייטל און גענומען זיי לערנען פֿון סידור אַרויס אַלף-בית, מודה אַני און מאַכן אַ ברכה.

איין מאָל אין אַ זונטיק איז גימפּל אַרײַן צום טאַטן אין קעמערל, האָט פֿאַרשאַרצט די אַרבל און אויף אַ שפּאַס אים גענומען אַרויסהעלפֿן. ווען די ברידער זענען שפּעטער געקומען צו גאַסט, האָבן זיי אויך חשק באַקומען צו ווײַזן וואָס זיי קאָנען. איבער אַכט טאָג זונטיק זענען שוין געשטאַנען אין אבאס שטוב אַכט שוסטער-בענקעלעך. נאָכן עסן זענען אבאס זין געזעסן אַרום דעם וואַרשטאַט, מיט זעק אויף די קני, ווי אַ מאָל אין פֿראַמפּאָל, אין אויף צופֿלייסן געשניטן זוילן, געבויערט לעכלעך, געקלאַפּט שטיפֿטן, געשאָבן קנאַפֿלען. די ווײַבער זענען געשטאַנען אין דרויסן, געלאַכט, געשעפּט נחת. דאָס קליינוואַרג האָט זיך צונויפֿגעשטופּט, געגאַפֿט, נישט געוואָלט אָפּטרעטן. דורך די פֿענצטערלעך האָט אַרײַנגעשײַנט די זון און עס האָבן זיך געצויגן פֿון די שויבן קרומע זײַלן שטויב. אין

דרויסן, איבער דעם גראָז און דעם וואַסער, האָט געהויערט אַ נאָך־פּסחדיקער הימל און ס׳זענען איבער אים אַרומגעשוווּמען וואָלקנס – אין געשטאַלט פֿון זעגלשיפֿן, סטאַדעס שאָף, בעזעמס, העלפֿאַנדן, ווינזלטירן, פֿייגל האָבן געצוויטשערט. פֿליגן האָבן געזשומעט. זומער־פֿייגעלעך האָבן געפֿלאַטערט. אבא האָט אויפֿגעהויבן די געדיכטע ברעמען און אַפּערגעקוקט מיט זײַנע טריבע אויגן. נעבן אים זענען געזעסן זײַנע יורשים, די זיבן שוסטערלעך: גימפּל, געצל, טרײַטל, גאָדל, פֿײַוול, ליפּע און חנינא. זייערע האָר זענען שוין געווען גרוילעך אָבער ס׳זענען געבליבן אין זיי געלע פּאַסן. ניין, זיי זענען נישט געוואָרן קיין געצנדינער אין דעם אַמעריקאַנער מצרים. זיי האָבן נישט פֿאַרגעסן זייער שטאַם. זיי האָבן נישט אויסגעמישט מיטן ערב־ רבֿ. דער זקן האָט אָנגעהויבן כאָרכלען, ברומען און מיט אַ מאָל גענומען זינגען מיט אַ שטאָק־הייזעריק קול דאָס אַלטע פֿראַמפּאָלער ליד:

אַ מאָל איז געווען אַ מאַמעלע
האָט זי געהאַט צען קינדערלעך, —
אוי, געוואַלד, צען קינדערלעך.
– – – – – – – – – – – – – –
ס׳זעקסטע ט׳געהייסן וועלוועלע,
ס׳זיבעטע ט׳געהייסן זײַנוועלע,
ס׳אַכטע ט׳געהייסן חנאלע,
ס׳נײַנטע ט׳געהייסן טעוועלע,
ס׳צענטע ט׳געהייסן ייִדעלע, —

און אבאס זין האָבן אָפּגעענטפֿערט אַלע מיט איין קול:

וויי, געוואַלד, ייִדעלע!...

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון מירל שײנהויט הירשאַן, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved